# נַקְדִּישָׁךְ

## די אומשאצבארע סגולה און די געוואלדיגע מעלה פון נישט רעדן ביים דאווענען

גליון כ׳

## באצאלט פארן חוצפה

א מורא'דיגע געשעהניש האט פאסירט אין די שטעטל קראלי וואס איז אין אונגארין, אין די ערשטע יארן פון די רבנות פון הגה"ק רבי שאול בראך זצ"ל, פון די גרויסע אונגארישע רבנים, וואס ער איז געווען באקאנט אלץ א גרויסער לוחם אויף יעדע זאך וואס האט געהאט א פארבינדונג צו כבוד שמים און ספעציעל אין די ענינים פון קדושת בית הכנסת.

אינעם ערשטן שבת וואס ער איז געקומען אין בית המדרש, האט ער צו זיין ווייטאג באמערקט אז אסאך מענטשן פארברענגען ביים לייגען, מיט שמועסן נארישקייטן. עס האט אים זייער שטארק געשטערט, און ער האט פראבירט מעורר זיין אויף דעם ביי זיינע דרשות, אבער עס האט נישט געהאלפן. דעריבער האט ער באשלאסן צו טוישן זיין פלאץ פון די מזרח זייט, אויף דעם צענטער פון שוהל, דארט, נעבן דעם באלעמער וועט ער קענען גוט נאכקוקן וואס עס קומט פאר, און דורך דעם וועלן אים אלע זעהן און זיי וועלן ציטערן צו רעדן, ביז זיי וועלן אינגאנצן אויפהערן פון זייער געוואוינהייט.

אין די פריערדיגע צייטן איז די כח פון א רב אין זיין קהילה געווען זייער שטארק, און קיינער האט זיך נישט דערוואגט ווידערצושפעניגן זיינע רייד, אבער אין יענע צייטן האט זיך שוין פארשפרייט די גיפט פון די אזוי גערופענע 'משכילים' און זייערע נאכשלעפער'ס, און עס האט אנגעמאכט א ביטערן חורבן, די כבוד פון די רבנים איז צוטרויטן געווארן אויף א שרעקליכן אופן, און עס האט קיינעם נישט בארירט.

אויך אין די שטאט קראלי וואו דארט איז רבי שאול אויפגענומען געווארן צו זיין דער רב, האבן זיך די קהילה מיטגלידער נאכנישט צוגעוואוינט אז דער רב איז דער אמת'דיגער פירער אין אלע ענינים וואס האבן א פארבינדונג צו אידישקייט, זיי זענען געוואוינט זיך צו צוהערן צו די רייד פונעם ראש הקהל וואס אלץ דער 'בעל המאה' האבן אלע אנגענומען זיינע מיינונגען אן קיין שטערונגען. אזוי, אז ווען אין איינע פון די טעג איז פריי געווארן די פאזיציע פון דעם חזן, און איינער נאכן צווייטן זענען די באקאנטע חזנים ארויף צו די הויז פונעם ראש הקהל ווען זיי ווילן באקומען די חשוב'ע פאזיציע, און ווען איינער פון זיי האט מיט זיין שיינע שטימע שטארק געצויגן דעם געפיהל פונעם ראש הקהל, האט ער זייער שנעל באשלאסן אז ער איז דאס מערסטע פאסיג צו זיין דער חזן אין די שוהל.

זייער שנעל זענען גערופן געווארן די מיטגלידער פון די קאמיסיע צו א דרינגנדיגע פארזאמלונג, וואו דארט האבן זיי אפגעשמועסט מיטן חזן איבער זיין געהאלט און אויף די איבעריגע איינצעלהייטן וואס נויטיגן זיך, און נאר נאכדעם זענען זיי ארויף צו די שטוב פון דעם מרא דאתרא צו באקומען זיין באשטעטיגונג, אזוי ווי עס איז געשטאנען קלאר אין די שטאטוטן פון די קהילה.

אבער נאך א קורצע שמועס וואס דער רב האט געהאט מיט דעם חזן, האט זיך ארויסגעוויזן אז אלץ זיין נידריגע שטאפל אין רוחניות איז ער נישט פאסיג צו האבן דעם חשוב'ע פאסטן. דער רב האט נישט געהאט קיין אנדערע אויסוועג און האט געמאלדן פארן ראש הקהל אז ער קען נישט צושטימען צו זייער באשלוס.

די ענטפער פונעם רב איז אינגאנצן נישט געפעלן פארן ראש הקהל וואס איז געווען א יונגער, א רייכער און א בעל גאוה. אין אנהויב האט ער פראבירט איבער צורעדן דעם רב זאל ענדערן זיין באשלוס, אבער זייער שנעל האט ער פארשטאנען אז אויף דעם וועג וועט ער נישט קענען טוישן וואס דער רב האט באשלאסן, דעריבער האט ער באשלאסן אז ער גייט ארויס אין א קאמף. דער ראש הקהל וואס איז געווען א יונגער און א טיכטיגער, האט זייער שנעל געטראפן נאך וואס זענען מיטגעשטאנען צו זיין זייט, און אלץ די ערשטע טריט האבן זיי באשלאסן צו רופן דעם ברייטן ציבור צו א 'מלווה מלכה' פארברענג אין א זאל וואס איז נישט אונטער די הערשאפט פון די קהילה, דארטן - אזוי האבן זיי געהאפט - וועט דער חזן ווייזן פאר אלעמען זיינע טאלאנטן, און אזוי וועלן זיך די באטייליגטע אויך צושליסן צו די ווידערשטאנד אקעגן די באשלוס פונעם רב.

זייער שנעל זענען געדוקט געווארן די איינלאדענונג קארטלעך צו דעם געפלאנטן אוונט, און הונדערטער מענטשן - איבערהויפט פון די פשוט'ע מענטשן - האבן זיך פארזאמלט צו די מסיבה, נישט אלץ ווידערשפעניגונג אקעגן דעם רב חלילה, נאר כדי צו הערן עטליכע חזנות שטיקלעך אומזינסט. דער גרויסער ציבור האט נאך מער געשטארקט די שטעלונג פונעם ראש הקהל, און אין זיינע רייד ביים עפענען די אוונט, נאכן אויסלויבן דעם חזן'ס מעלות, האט ער דערציילט פאר דעם פארזאמלטן עולם מיט א צובראכענע שטימע אז צו זיין גרויסע ווייטאג וועט די עולם נישט קענען געניסן פון דעם וואונדערבארן חזן ביים דאווענען אין שוהל. "זיכער ווייסן ענק פארוואס..." - האט ער צוגעלייגט מיט א פאלטשע תמימות. זיינע ווערטער האט ער געענדיגט מיט א האפענונג אז דאס וועט זיך ווייטער נישט אזוי ציעהן, און זייער שנעל וועלן אלע פארשטיין אז עס איז נישט פאר די כבוד פון אונזער קהילה אוועק שיקן פארשעמטערהייט אזעלעכע געלונגענע חזנים, אזוי ווי עס האט פאסירט.

רוב פון די באטייליגטע וואס זענען פון די איינפאכע מענטשן האבן צוגעשאקלט מיט זייער קאפ, אבער עס זענען דארט אויך געווען אזעלעכע וואס די חוצפה פונעם ראש הקהל האט זיי אויפגעשוידערט, און זיי האבן זיך געאיילט צו די הויז פון רבי שאול אים דערציילן איבער די צוזאמקום, ווען זיי האבן אונטערוועגנס נאך אנגעיאגט עס דערציילן פאר עטליכע יונגע בחורים. דער רב וואס האט געהערט די געשעהניש, איז באלד געלאפן צו די ריכטונג פון די שוהל, דארט, אזוי ווי ער פארשטאנען, האט

ער זייער שנעל באמערקט אין די אויפגעברויזטע יונגע בחורים, וואס האבן שוין געווארט אויף דעם ראש הקהל ער זאל ארויס קומען פון שוהל נאכן דאווענען שחרית, וואו זיי זענען געווען גרייט אים צו דערלאנגען אויף זיין חוצפה. דער רב האט זיי באפוילן זיי זאלן שנעל פארלאזן דאס פלאץ, און זיך צוקערן צום בית המדרש, און ער האט זיי אויך אנגעווארנט זיי זאלן אים נישט צורירן.

אינצווישן איז דער ראש הקהל אהיים געגאנגען אן ער זאל וויסן וואס עס איז פארגעגאנגען אין די חצר פון די שוהל, ווען ער איז אנגעקומען אין שטוב האט ער געטראפן זיין פרוי ווי זי שטייט אין קאך ווען מיט איין האנט מישט זיך די טאפ מילך וואס איז געשטאנען אויפן פייער, און מיט איר אנדערע האנט וויגט זי דאס בעטל פון זייער פיצל קינד וואס איז אלט געווען א יאר. ווען ער האט באמערקט אז די טאפ הייבט אן צו קאכן, האט ער זיך געאיילט עס אראפ נעמען פונעם פייער, און דעמאלטס האט פאסירט די אומגלויבליכן אומגליק - מיט זיין איילעניש האט ער זיך אויסגעגלישט ווען די טאפ איז אין זיינע הענט, און ער האט אויסגעגאסן די ברייעדיגע מילעך אויף זייער קליין קינד וואס איז גע'הרג'עט געווארן אויפן פלאץ, רח"ל.

געציילטע שעות נאכדעם איז פארגעקומען די טראגעדישע לוויה, און די גאנצע שטאט האט געשטורעמט...

אין שבת קודש, ווען עס האט זיך געענדיגט די 'שבעה' איז ער געקומען אין שוהל ווען זיין הארץ איז צובראכן אויף פיצלעך, מ'האט אים אויפגערופן צו די עליה פון שלישי, און נאכן זאגן די ברכה האט ער אויסגעקלאפט אויף די באלעמער און האט אויסגערופן ווען טרערן שטיקן זיין האלדז: "איך בעהט איבער דעם רב, וואס מיט מיין עזות האב איך זיך גע'חוצפה'עט אקעגן אים, און באלד בין איך געשטראפט געווארן, איך בעהט אז דער רב זאל מיר מוחל זיין...".

דער רב וואס איז געשטאנען, ווי אויבנדערמאנט, אין לויף פון א גאנצע ליינען נאנט צו די באלעמער האט צוגעשאקלט מיט זיין קאפ וואו ער שטימט צו, אבער ער האט אים באלד אפגעהאקט מיט א פראגע - "וועלכע היתר האסטו געטראפן צו רעדן אין א צייט וואס מ'טאר נישט רעדן?!"

('שאול בחיר ד' עמ' קכח - וכל מאמינים)

## זיך אויסגעבעטן גוטע קינדער

אין מאנסי האט געוואוינט א ערליכע איד הגה"צ רבי מרדכי שוואב זצ"ל, וואס איז געווען באקאנט אלס א צדיק וקדוש. ער האט אויך געהאט חשובע ברודער, אלע גאר חשובע און ערליכע אידן. עס האט דערציילט זיין שמש, אז אויף די עלטערע יארן האט ער געפרעגט רבי מרדכי זצ"ל אין וועלכע זכות האט זייער פאטער זוכה געווען צו קינדער צדיקים, וואס יעדער איד וואונטש זיך אז זיינע קינדער זאלן אזוי אויסוואקסן.

נאך פילע מאל בעטן האט איהם רבי מרדכי אנטפלעקט אז זייער פאטער וועלכע האט געוואוינט אין דייטשלאנד, האט אמאל נאך די חתונה, ווען ער איז געשטאנען פארן אויפשטעלן א אידישע שטוב, געעפענט דעם ארון קודש און געזאגט: "רבונו של עולם, כל הקהל הקודש הזה זענען עדות אז איך האב קיינמאל נישט גערעדט קיין שיחה בטילה אין ביהמ"ד, דעריבער בעט איך דיר איין איינציגע בקשה, צו האבן קינדער צדיקים וכשרים".

(ומקדשי תיראו - מפי המזכה הרבים הגדול בנושא "מורא מקדש" הרה"ג רבי מיכאל גרינוואלד שליט"א)

# פרסומי ניסא...

א אינגערמאן [פון אינדרויסן] איז געווען ביי מיר די וואך (פר' נח תשע"ח), און דערציילט אז ער האט געווארט עטליכע יאר געהאלפן צו ווערן מיט **קינדער**, און ער האט מקבל געווען אויף זיך נישט צו רעדן בשעת **קריאת התורה**, און ער איז געהאלפן געווארן. **ס'איז א מצוה לפרסם!**

דומ"ץ שיכון סקווירא שליט"א

פאריאר האב איך מקבל געווען אויף זיך פון **"בראשית ביז חנוכה"** נישט צו רעדן פון "זמן התחלת הודו", און כ'האב אינזין געהאט אז איך זאל קענען עפענען א אייגענע ביזנעס און האבן **פרנסה בהרחבה**, און כ'האב ב"ה שיין מצליח געווען. כ'בין עס תולה בזכות זהירות בקדושת ביהמ"ד. כ'לאז עס מפרסם זיין כדי מזכה צו זיין אנדערע.

ג. מ. מ. שיכון סקווירא

מיין שוועסטער וואס איז שוין געווען 22 יאר האט דרינגנד געדארפט א **שידוך**, פאר איר זענט געפארן קיין קראקא ו' אלול העעל"ט האב איך מיט מיין אינגערע ברודער מקבל געווען **נישט צו רעדן בשעת'ן דאווענען** לזכות פון אונזער שוועסטער, אונזער קבלה איז געווען ביז נאך יום כיפור העעל"ט. מוצאי ראש השנה האט מען אנגעטראגן א שיינע שידוך, און א טאג פאר **ערב יום כיפור** איז דער שידוך געשלאסן געווארן בשטו"מ!

ג. ב. מאנסי נ. י.

כ'האב געקויפט א דירה, און געהאפט צום אייבערשטען אז דער **מארטגעדזש** זאל דורכגיין אנע שוועריקייטן. פאריאר ביים מבצע פון "בראשית ביז חנוכה" האב איך מקבל געווען נישט צו רעדן פון דער **"זמן התחלת הודו"**. למרבה הפלא, פונקט דאנערשטאג נ.מ. ערב שבת חנוכה תשע"ז, האב איך געקלאזט מיין מארטגעדזש מתוך הרחבת הדעת, א גרויסן דאנק!

יוסף א. סטעטן איילענד

לברר הפרטים אפשר לצלצל
845.641.9496